STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04564

HAMISHAH ASAR OYBS

Judah Steinberg

Permanent preservation of this book was made possible
by Joanne Prives
in honor of
her grandchildren, Benjamin, Rachel, Jacob, Talya, Aryeh & Nadya Zax

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יהודה שטיינבערג

1. חמשה עשר אויבס

2. חמשה עשר-טייטלען

איבערזעצט פון העברעאיש דורך

ש. שאפירא

מאקס נ. מייזעל
אידישער פארלאג פאר ליטעראטור און וויסענשאפט
424 גרענד סטריט, ניו יארק.
1919

Copyright by
MAX N. MAISEL
New York, 1920.

חמשה עשר אויבם.

ביי שמואל מלמד אין חדר האָבען געלערנט נאָר אָרע־מע קינדער. אַז אַ פאָטער איז געקומען אַריינגעבען זיין קינד אין חדר, פלעג שמואל פרעגען: „ביזט אָרעם אָדער רייך" און אויב דער פאָטער האָט געענטפערט — „איך בין רייך!" — האָט ער זיין קינד ניט אַריינגענומען אין חדר.

און שמואל האָט ליב געהאַט זיינע אָרעמע תלמידים און די תלמידים האָבען איהם אויך ליב געהאַט. וואו ער איז געגאַנגען און וואו ער איז געשטאַנען האָבען איהם די תלמידים אַרומגערינגעלט און געקלעפּט אַן איהם.

אַז זיינע שונאים האָבען איהם געזעהן צווישען די קליינוואַרג, האָבען זיי געזאָגט: „אָט איז די קוואָקע מיט די הינדעלעך!"

די נאַראָנעם האָבען ניט פאַרשטאַנען, אַז מיט די ווער־טער שפּעטען זיי ניט פון שמואל'ן נאָר פון זיך אַליין, וואָס זיי זענען אַזוי שלעכט, אַז זיי קענען אַפילו קיין אומשולדי־גע קינדער ניט ליב האָבען, און שמואל איז אַזוי גוט, אַז קליינע קינדער אַפילו זעהען זיין גוטסקייט און האָבען איהם ליב.

טאָג טעגליך זענען די גוטע תלמידים אויפגעשטאַנען גאַנץ פריה, און אויף גיך געלאָפען אין חדר אַריין, זעהן דעם רבין און לערנען ביי איהם. יעדעם קינד האָט ביי זיך גע־טראַכט: „איך וועל זיין דער ערשטער צו זאָגען דעם רבין,

„גוט מאָרגען״. אָבער שטענדיג זענען אַלע גלייך געקומען, און ווי זיי וואָלטען אַלע געהאַט איין נשמה האָבען זיי אַלע מיט אַמאָל אויסגערופען:

— גוט מאָרגען, רבי!

— גוט מאָרגען, גוט יאָהר אייך, קינדער! — פלעג זיי שמואל ענטפערן מיט אַ שטראַלענדיג פּנים. און מיט פרייד האָט מען זיך געזעצט לערנען.

איינמאָל — דאָס איז געווען חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבָט — האָט זיך מיט אַלע קינדער געטראָפען דיזעלבע סִבָּה. אַלע האָבען פאַרשפּעטיגט.

די קינדער האָבען געוואוסט, אַז ס׳איז חמשה עשר און אַז חמשה עשר ברענגט מען אין חדר אַריין ארץ ישראל־דיגע פּירות: טייטלען, פייגען, ראַזשינקעס, וואָס דער רבי זאָגט אַז דאָס זענען ארץ ישראל׳דיגע וויינטרויבען און ווען זיי זענען געהאַנגען אויף די צווייגען פון די ווייַנשטאָקען זענען זיי געווען פריש, גרויס און פול, נאָר זינט זיי זענען פאַרטריבען געוואָרען פון זייער לאַנד זענען זיי פאַרדאַרט און פאַרטריקענט געוואָרען. נאָר טרוקענערהייט זענען זיי נאָך אַ סך זיסער און בעסער פון די פולע, גרויסע פלאָמען.

אָבער די דאָזיגע פּירות קאָסטען טייער. זיי צו קויפען דאַרף מען האָבען געלט. און אָרעמע קינדער האָבען ניט קיין געלט. געלט דאַרף מען בעטען ביים טאַטען, ביי דער מאַמען. אָבער דער טאַטע קוקט מיט כעס און שווייגט, און די מאַמע בייזערט זיך: „מיר דאַרט דער מוח, וואו נעמט מען אַ שטיקעל ברויט אויף אָנבייסען און דעם פרעסער ווילט זיך גאָר אויבס!״

— מ׳וועט שוין היינט מוזען אויסקומען אָהן פּירות — האָט איין אינגעל ביי זיך באַשלאָסען — אָבער ווי אַזוי קומט

מען אין חדר אַריין מיט לעדיגע הענט, ווען אַלע קינדער ברענגען פּירות? איך וועל שוין בעסער פאַרשפּעטיגען און דערוויייל וועלען די קינדער אויפעסען זייער אויבס!

אזוי האָט געטראַכט יעדער פון די קינדער, און אַלע האָבען פאַרשפּעטיגט. זענען אַלע גלייך געקומען אין חדר אַריין.

יעדער האָט געהאַלטען די אויגען צו דר'ערד, כדי נישט צו זעהן די פולע פייגען, די פייכטע גלאַנציגע טייטלען, די שוואַרצע ראָזשינקעס און די רויטע מילגרוימען, וואס די חברים האָבען. יעדער האָט ביי זיך געטראַכט, אַז אַלע חברים קוקען אויף זיינע לעדיגע הענט און לאַכען שטילערהייט. ווען זיי האָבען שפּעטער דערזעהן, אַז אַלע זענען געקומען מיט לעדיגען, האָבען זיי זיך שטאַרק דערפרעהט.

— דו האָסט אויך גאַר ניט געבראַכט?

— דער טאַטע האָט געזאָגט, ס'איז ניטאָ קיין געלט. איך האָב געוויינט, אָבער ער האָט ניט געגעבען.

— מיין טאַטע האָט געשוויגען, נאָר קיין געלט האָט ער ניט געגעבען גלייך ווי דיינער. און דו?

— איך האָב זיך געמאַכט וויינענדיג, אָבער מיין מאַמע האָט פאַרכאַפּט און זיך פריהער צעוויינט.

— מיר דאַכט זיך, אַז מיין מאַמע האָט אויך געוואָלט וויינען, נאָר אַנשטאַט וויינען האָט זי אָנגעהויבען שרייען.

— וואס זשע וועלען מיר טון?

— מיר איז איינגעפאַלען אַ גוטער געדאַנק — האָט זיך אָנגערופען בצלאל, דער גרעסטער אינגעל — זאָל יעדער פון אונז דערצעהלען אַ שענע מעשה וועגען חמשה עשר.

— אָדער וועגען ארץ ישראל — האָט זיך אָפּגערופען

אָן אַנדער אינגעל — ארץ ישראל איז דאָך די היים פון די זיסע פּירות, וואָס מען עסט היינט.

— אויך וועגן בוימער און וועלדער — האָט פאַר־געשלאָגען בנימין, דער קלענסטער צווישן די תלמידים — חמשה עשר איז דאָך דער ראש השנה פון די בוימער!

— און אויך וועגן פייגעל, וואָרים די פייגעל וואוינען דאָך צווישן די בוימער!

די עצה איז אַלעמען געפעלען און ווען דער רבי האָט זיי פריינגעלאָזען, האָבען זיי געוואָרפען גורל ווער עס זאָל דערצעהלען דער ערשטער, און דער גורל איז געפאַלען אויף בצלאל'ן.

בצלאל איז געוואָרען ערנסט, האָט געקנייטשט דעם שטערן, האָט אויסגענומען מען זאָל איהם ניט איבערשלאָגען אין מיטען און ער האָט אָנגעהויבען דערצעהלען.

— געווען איז דאָס אמאָל, אַמאָל. נאָך איידער עס איז געבאָרען געוואָרען תובל קין, דער ערשטער שמיד. דאָן האָ־בען זיך די וועלדער נאָך ניט געשראָקען פאַר קיין האַק און די געוויקסען זענען נאָך ניט פאַרטיליגט געוואָרען פון מענש־ליכע הענט. ווען די צייט איז געקומען זענען זיי געשטאָר־בען אַ נאַטירלעכען טויט.

— וואָס איז דאָס נאַטירלעכער טויט? — האָט דער קליינער בנימין געפרעגט.

— אַ נאַטירלעכער טויט איז אַ טויט, וואָס קומט פון גאָט.

— און וואָס איז אַ טויט, וואָס קומט פון גאָט?

— אַ טויט וואָס קומט פון גאָט, איז אַ טויט וואָס קומט פון גאָט ניט פון קיין מענשען. אָבער שלאָג מיר ניט אי־בער.

— אין יענער צייט איז דער ראש השנה פון די בוי־מער ניט אויסגעקומען חמשה עשר בשבט.

— ווען דען?

— ווען? מן הסתם האָבען זיי תפילה געטון ווען עס האָט זיך זיי פאַרוואָלט. איהר ווייסט דאָך, אז די בוימער זענען „בעל תפילות!” און אפשר האָבען זיי געמאכט ראש השנה ווען א סך פייגעל זענען אָנגעפלויגען אין וואַלד. איך וויים דאָס ניט באַשטימט. איך בין אָבער זיכער אַז ניט חמשה עשר איז עס אויסגעקומען.

— פון וואַנען ווייסטו דאָס?

— אויב ניט, איז די גאַנצע מעשה וואָס איך דער־צעהל אייך ניט געשטויגען און ניט געפלויגען. אָבער פאַר וואָס שלאָגט איהר מיר איבער?! איך האָב דאָך מיט אייך אויסגענומען איהר זאָלט מיר ניט איבערשלאָגען. אויב איהר ווילט, וועל איך גאָר אויפהערען דערצעהלען.

— ניין, ניין! דערצעהל, מיר וועלען אַלע שווייגען.

— שווערט מיר!

אַלע אינגלעך האָבען אַרויסגענומען זייערע ציצית און א קוש געטון, און בצלאל האָט ווייטער דערצעהלט.

— ראש השנה פון די בוימער איז דאַן ניט אויסגע־קומען חמשה עשר, די וועלדער האָבען זיך נאָך ניט גע־שראָקען פאַר דער האַק און זענען געוואַקסען אין דער לענג און אין דער ברייט.

— נאָר איין פראַגע, בצלאל! ביזט מיר מתיר מיין שבועה?

— איך בין מתיר, אָבער נאָר איין פראַגע!

— פאַר וואָס אין דער ברייט און אין דער לענג און ניט אין דער הויך?

— איך האָב אייך דאָס אַליין געוואָלט זאָגען. זיי

האָבּען מורא געהאַט, אַז זיי וועלען וואַקסען זעהר הויך וועלען זיי אַנרירען דעם הייליגען הימעל, די הייליגע זון, די לבנה און די שטערען.

„זענען די וועלדער געוואַקסען אין דער ברייט און אין דער לענג און האָבּען אַפילו ניט געוואַגט אַרויפקוקען צום הימעל. זענען די בוימער פון יענער צייט געווען קורצע און דיקע.

זיי האָבען איינגעפלאָנטערט זייערע צווייגען איינע אין די אַנדערע, אַז די שטראַלען פון דער זון האָבען ניט געקענט דורכדרינגען. און ס׳איז געוואָרען פינסטער אין וואַלד. און די ערד צווישען די בוימער האָט ניט געוואוסט, צי עס איז פאַראַן אַ הימעל אין דער הויך.

אין דער געדיכטעניש פון וואַלד האָבען זיך אָנגעהויבען קלייבען פוקסען, וועלף, לייבען, לעמפּערטען און אַלערליי ווילדע חיות.

און קיין ווילדע בוימער זענען נאָך דאַן ניט געווען. אויף אַלע בוימער זענען געוואַקסען געשמאַקע פרוכטען.

— אַזוי ווי די ארץ ישראלדיגע טייטלען ?

— כמעט ווי די ארץ ישראל׳דיגע טייטלען. אָבער די מענשען האָבען די זיסע פרוכטען ניט געגעסען, ווייל זיי האָבען מורא געהאַט פאַר די לייבען און לעמפּערטען צו קומען אין וואַלד אַריין. זענען די פרוכטען אַרונטערגעפאַלען און צעפוילט געוואָרען. זייערע קערנער זענען אַריינגעוואַקסען אין דער ערד און נאָכדעם אַרויסגעלאָזען שפּראָצונגען.

יאָהר נאָך יאָהר זענען די פּירות אַרונטערגעפאַלען און עס זענען אַרויסגעקומען נייע שפּראָצונגען. די שפּראָצונגען זענען אויסגעוואַקסען און גרויס געוואָרען. אין וואַלד איז אויסגעוואַקסען אַ נייער דור, יונגע, פרישע, שענע און שטאָלצע בוימער אָהן איין קנייטשעלע אויף זייער קאָרע.

די יונגע האָבען זיך געמערט און עס איז געוואָרען ענג.

די אַלטע בוימער זענען אַפילו געווען זעהר געדולדיג. זיי האָבען ערלויבט די יונגע אויסצושפּרייטען זייערע צאַר־טע צווייגען צווישען די אַלטע פאַרפלאָנטערטע צווייגען. זיי האָבען זיך ניט ווייסענדיג געמאַכט ווען די יונגע האָבען אָנ־געלענט זייערע צווייגען אויף די אַלטע אַקסלען און שטאַ־מען. אָבער די יונגע האָבען זיך אָנגעהויבען באַקלאָגען: „סאיז אונז ענג! וואָס פאַר אַ נאַרישען וועג האָט איהר, אַלטע, זיך אויסגעקליבען צו וואַקסען נאָר אין דער ברייט?! צום הימעל! צום הימעל! לאָמיר אויפהויבען אונזערע צווייגען צום הימעל!"

זענען די אַלטע פאַרציטערט געוואָרען פון די רייד. זיי האָבען די ווערטער געהאַלטען פאַר אַ באַליידיגונג און לעסטערונג געגען די הייליגע הימלען, און זיי האָבען זיך אָנגערופען:

— וואָס רעדט איהר ווילדע יונגען?! צום הימעל, צו דער זון, צו די הייליגע שטערען?!

— וואָס שרייט איהר — האָבען די יונגע געענטפערט — אדרבה, אויב די הימלען זענען ביי אייך הייליג, איז דאָך גוט מיר זאָלען זיך אויפהויבען צו זיי, וועלען מיר אויך הייליג ווערען!

איז געוואָרען אַ קריג צווישען די יונגע און די אַל־טע. די בערען פון וואַלד האָבען זיך אויך אַריינגעמישט און אַרויסגעזאָגט זייער מיינונג, אַז די אַלטע זענען גערעכט. אָבער די יונגע האָבען אויף זיי געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ: מיר פאַרשטעהען אייער מיין. איהר דאַרפט נייע קוסטען פאַר אייערע קינדער! עס פאַרדריסט אייך, וואָס די פינס־טערניש אין וואַלד וועט קלענער ווערען. צום הימעל! זאָל

אונזער ערד אויך זעהן, אז ס'איז פאראן א קלאָרער הימעל אויבען!

די יונגע זענען געווען אין כעס אויף די אַלטע און די אַלטע אויף די יונגע, איז מען געגאַנגען און געמאכט ראש השנה פאַר די בוימער, און די אַלטע האָבען זיך געשטעלט תפילה טון.

— און די יונגע?

— די יונגע? זיי האָבען ניט געקענט קיין עברי.

האָבען די אַלטע גאָט געבעטען עס זאָל קומען א שטורם און א האָגעל אויפ'ן יונגען דור, וואס באַליידיגט היי־ליגקייטען.

— בעסער זיי זאָלען שטאַרבען — האָבען די אַלטע געשריען — איידער זיי זאָלען איינפירען נייען מנהגים אין וואַלד!

און אַנדערע בוימער האָבען געזאָגט: ס'איז בעסער מיר זאָלען בלייבען אָהן קינדער, איידער האָבען קינדער וואס זענען מחלל הקודש.

האָט זיך גאָטס צאָרן אויסגעגאָסען אויפ'ן וואַלד און ס'איז אויף איהם געקומען א טרוקעניש און א האָגעל, און יונג און אַלט זענען געשטאָרבען דורך אַלערליי מיתות משונות. און די, וואָס זענען געבליבען לעבען האָבען אָנגע־הויבען פוילען פון אינעווייניג. יענעם יאָהר איז געבאָרען געוואָרען תובל קין, דער ערשטער שמיד פון העק. און אויף די בוימער, וואָס האָבען געבעטען זיי זאָלען בלייבען אָהן קינדער, איז אַרויס די גזירה זיי זאָלען אייביג בלייבען פרוכטלאָז.

און כדי די בוימער זאָלען מעהר ניט בעטען אזעלכע שלעכטע זאַכען איז אַרויס א גזירה אויפ'ן וואַלד, זיין ראש השנה זאָל אויסקומען אין חדש שבט, ווען די בוימער זע־

נען פארזונקען אין ווינטערדיגען שלאָף און אַלע געוויקסען פון דער ערד דרעמלען אונטערן צודעק פון שניי.

אויך אויפ'ן בער איז נגזר געוואָרען ער זאָל שלאָפען דעם גאַנצען ווינטער, דערפאַר וואָס ער האָט געהאָלפען אין דעם קריג צווישען די אַלטע מיט די יונגע, וואָס האָבען גע-וואָלט וואַקסען אין דער הויך.

שמואל מלמד איז דאָן געלעגען אויף זיין בעטעל און געראָכערט זיין לאַנגע ליולקע. און ווען ער האָט געהערט דעם שמועס פון די קינדער, איז עס איהם זעהר געפעלען און ער האָט נאָך שטאַרקער געראָכערט, כדי דער רויך זאָל איהם פארשטעלען, די קינדער זאָלען איהם ניט זעהן און זיך ניט שעמען דערצעהלען זייערע מעשיות.

נאָך בצלאל'ן איז געפאַלען דער גורל אויף אלישע דעם יתום און ער האָט דערצעהלט:

— אַמאָל איז געווען אַ אידישער נביא. און דער נביא איז געווען זעהר אַ הייליגער און גאָטספאָרכטיגער מענש. און אַז ער פלעג ווייזען אַ מענשען אַ פרעהליכע מינע אין דער מענש געווען אַ געבענשטער זיין גאַנץ לעבען, ער איז אַלע מאָל געווען פרעהליך און קיינמאָל ניט געוואוסט פון קיין טרויער. און אויב ער האָט איינעם געוויזען אַ בייזע מינע, איז דער מענש געווען אומגליקליך, דערשלאָגען און פאַרטרויערט זיין גאַנצען לעבען.

האָבען אַ סך מענשען דעם נביא אַרויסגעוויזען ליבע און כבוד, ווייל זיי האָבען געהאָפט, אז ער וועט צו זיי אַ שמייכעל טון, וועלען זיי זייער גאַנצען לעבען גליקליך זיין. און אַ סך מענשען האָבען איהם פיינט געהאַט, ווייל זיי האָ-בען מורא געהאַט, טאָמער וועט ער זיי ווייזען אַ בייזע מי-נע, וועלען זיי זייער גאַנץ לעבען זיין אומגליקליך. זענען אַלע מענשען געווען זיינע פריינד אדער זיינע פיינד.

און דער נביא האָט ליב געהאַט אָפּטמאָל צו דערוויי־טערען זיך פון די מענשען און זיך באַהאַלטען אין וואַלד, וואָרים ער האָט פאַרשטאַנען די שפּראַך פון די בוימער און דעם ריח פון די רויזען. ער האָט געהערט דאָס לויפען פון דעם זאַפט אין די אָדערן פון די געוויקסען, און מיט זיינע אויגען האָט ער געמאָסטען דאָס מינוטענדיגע וואַקסען פון די צווייגען און בלעטער.

צווישען די בוימער אין וואַלד זענען אויך געווען פּיע־לע, וואָס האָבען איהם ליב געהאַט. ווייל עס פלעג טרע־פען, אַז ער האָט אויפגעהויבען זיינע אויגען אויף אַ בוים און געזאָגט: „בוים, בוים, זאָל דיך גאָט בענשען!" האָט דער בוים אַרויסגעגעבען זיסע פּירות זומער און ווינטער. און א סך בוימער האָבען פאַר איהם מורא געהאַט. וואָרים עס פלעג טרעפען, אַז ער האָט אַ קוק געטון אויף אַ בוים און געזאָגט: „מאַך פּלאַץ פאַר אַ אינגערן און בעסערן פון דיר!" האָבען די בלעטער פון דעם בוים אָנגעהויבען וועלקען, זיינע צווייגען טריקענען, דער וואָרצעל אין דער ערד האָט אָנגעהויבען פוילען און פרישע צווייגעלעך האָבען אָנגעהויבען אַרויסשפּראָצען אויף זיין אָרט.

און די שטאָט אין וועלכע דער נביא האָט געוואוינט איז געווען אַ הויפּט שטאָט. דער קעניג האָט אין איהר גע־וואוינט. און דער קעניג האָט געהאַט אָן איין און איינציגע שענע און גוטע טאָכטער. האָט דעם קעניג'ס טאָכטער ליב געהאַט דעם הייליגען נביא און ער האָט זי אויך ליב גע־האַט. אָבער דער נביא האָט געשוואוירען, אַז ער וועט ניט חתונה האָבען און זיך ניט מאַכען קיין היים, ביז ער וועט ניט מאַכען אַלע מענשען פאַר צדיקים.

האָט דער נביא געגעבען זיין כלה אַ טויב, וואָס איין האַלב איז געווען ווייס ווי שניי און די אַנדערע האַלב איז

געווען רויט ווי בלוט. און אזוי האָט ער איהר געזאָגט: אויב די טויב וועט אין גאַנצען וויים ווערען, זאָלסטו וויסען, אַז איך האָב מקים געווען מיין שבועה. אַז אַלע רשעים זע־נען געוואָרען צדיקים, און דאַן וועל איך קומען חתונה האָ־בען מיט דיר.

אין דעם נביא איז געווען גאָט'ס גייסט, אָבער די כשוף מאַכער, וואָס האָבען ניט געוואוסט פון גאָט האָבען געזאָגט, אַז ער האָט איינגעשלינגען צוויי קליינע שטיינדע־לעך, איינס פון באַרג גריזים און איינס פון באַרג עיבל, און דעריבער קען ער שעלטען און בענשען.

אַן אַראַבער האָט געהערט, וואָס די כשוף מאַכער האָ־בען געזאָגט, האָט ער ביי זיך געטראַכט: איך וועל אָפּ־וואַרטען דעם נביא אין וואַלד און איהם הרג'ענען, דאַן וועל איך אַרויסנעמען פון איהם די שטיינדעלעך און זיי איינשלינ־גען, וועל איך קענען שעלטען און בענשען ווי דער נביא. אָבער איך וועל מיינע ברכות און קללות פאַרקויפען פאַר געלט און וועל מיר אָנקלייבען אַ גרויס פאַרמעגען, און דאַן וועל איך חתונה האָבען מיט'ן קעניג'ס טאָכטער.

געווען איז דאָס ערב השנה פון די בוימער. דער נביא איז געשטאַנען אין וואַלד, וואָס איז געווען פאַרזונקען אין טיפען שלאָף, און ער האָט פאַר איהם מתפלל געווען, דאָס קומענדיגע יאָהר זאָל זיין אַ געבענשט און פרוכטבאַר יאָהר, אַ יאָהר פון זיסע פרוכטען און טעמפּע העק. און ווי דער נביא האָט געקוקט אויף די בוימער האָט זיך דאָס אייז און דער שניי אָנגעהויבען שמעלצען, און פון די צווייגען האָבען אָנגעפאַנגען רינען טרערען. די זאַפט פון די בוימער האָט אָנגעהויבען פליסען אין זייערע אָדערן, און דער טוי־טער וואַלד האָט זיך אויפגעכאַפּט פון זיין שלאָף אַ פאַר־וואונדעטער.

— צי דען איז שוין דער פרילינג געקומען? — האָ־בען די נאַקעטע צווייגען געשעפטשעט.

— היינט איז ראש השנה — האָט זיי דער נביא גע־ענטפערט — מאַכט אייך גרייט, וועל איך אייך בענשען!

און דער נביא האָט געוואָלט בענשען דעם וואלד מיט א ברכה, וואָס די בוימער האָבען אַזאַ נאָך קיינמאָל ניט געהערט. די צאַרטע צווייגען האָבען געפיהלט דעם מיין פון דעם נביא און האָבען אָנגעהויבען ציטערן פון פרייד.

אָבער אין דער מינוט האָט דער מערדערישער אראַ־בער אויפגעהויבען זיין שווערט און דער נביא האָט ניט אוספייעט אַרויסצוזאָגען זיין ברכה.

דער אַראַבער האָט אָנגעהויבען זוכען די שטיינדע־לעך פון וועלכע די מכשפים האָבען גערעדט און ער האָט זיי ניט געפונען, איז ער אין כעס געוואָרען און געשוואָ־רען נוקם צו זיין זיך אָן זיי. און דעם נביא האָט ער באַ־גראָבען אונטער אַ בוים, וואָס איז געשטאַנען לעבען אַ קוואַל ניט ווייט פון דעם אָרט, וואו דער נביא איז גע־הרג׳עט געוואָרען.

און ווען דער פרילינג איז געקומען זענען אויף דער רעכטער זייט פון דעם בוים געוואַקסען זיסע פירות, וואָס אז אַ קראַנקער האָט זיי געגעסען איז ער געזונט געוואָרען. און אויף די צווייגען פון דער לינקער זייט זענען געוואַק־סען זעהר שענע פירות, וואָס ווער עס האָט זיי געזעהן האָט זיך ניט געקענט איינהאַלטען ניט צו עסען זיי, נאָר ווען מען האָט זיי געגעסען איז מען קראַנק געוואָרען און גע־שטאָרבען.

זענען קראַנקע געזונט געוואָרען און געזונטע זענען געשטאָרבען פון די פרוכטען פון דעם בוים. דער בוים האָט אַלעמען פאַרוואונדערט. אַלע האָבען גערעדט וועגען דעם

וואונדערליכען בוים, און קיינער האָט ניט פאַרשטאַנען ווי אַזוי איין בוים קען אויף זיינע צווייגען טראָגען לעבען און טויט צוזאַמען.

וואָלט דער בוים געקענט רעדען, וואָלט ער געווען דער־צעהלט וועגען די יסורים וואָס ער ליידט. ווארים גאָט'ס גייסט, וואָס האָט גערוהט אין דעם נביא צו שטראָפען די מענשען, האָט אין איהם אריינגעגאָסען ברכות און קללות, און ער האָט זיי ניט געקענט ארויסברענגען אַנדערש ווי דורך פרוכטען פון לעבען און טויט. אָבער פיעל מעהר ווי ער האָט אַרויסגעבראַכט דורך זיינע פרוכטען, האָט ער גע־האַלטען אין זיך, ביז זיין קאָרע האָט אָנגעהויבען פּלאַצען.

אָבער בוימער זענען שטום, און אפילו ווען מען הויבט אויף זיי אויף אַ האַק רירען זיי זיך ניט און ציטערן ניט פון שרעק. און ווען די האַק שניידט זיך איין אין זייער לייב זיפצען זיי ניט. וויסען זאָלט איהר אָבער, אַז פאַר די אומ־גליקלעכע בוימער איז דאָס שווייגען זעהר שווער. דער מענש איז גליקלעך, וואָס ער קען זיפצען און דורך דעם זיך לייכטער מאַכען זיין שמערץ.

בלויז די גוטע פויגעל פאַרשטעהען דאָס שווייגען פון די בוימער און זיי האָבען געהאַט מיטלייד מיט דעם אומ־גליקלעכען בוים. און יעדען פריהמאָרגען האָבען זיי זיך אויסגעשטעלט אויף'ן דאַך פון אַראַבער'ס הויז און פאַר־שאָלטען דעם מערדער און מזכיר געווען דעם נביא'ס נשמה.

און די פרינצעסין איז אויפגעשטאַנען חמשה עשר אין דער פריה און האָט געזעהן, אַז די טויב איז געוואָרען זיין גאַנצען רויט. האָט זי זיך זעהר דערשראָקען, האָט גע־עפענט די טיר פון איהר צימער און אַרויסגעלאָזען די טויב. זי האָט געוואוסט, אַז די טויב וועט פליהען גלייך צום נביא,

און ער וועט דאַן פאַרשטעהן, אַז זי וויל ער זאָל צו איהר קומען.

די טויב איז אַוועקגעפלויגען און איז צוגעשטאַנען צו די פויגעל, וואָס האָבען איהר דערצעהלט וועגען דעם מאָרד. האָט זי זיך מיט זיי אויפ׳ן דאַך פון אַראַבער אַוועקגע-שטעלט און איהם געשאָלטען.

אַז די פרינצעסין האָט געזעהן, אַז די טויב איז ניט צוריקגעקומען און דער נביא איז אויך ניט געקומען איז זי אַרויסגעגאַנגען אין גאַס. און ווען זי איז פאַרבייגעגאַנ-גען דעם אַראַבער׳ס הויז און געזעהן איהר טויב שטעהן צוזאַמען מיט אַ גרויסער מהנה פויגעל און יאָמערן און קלאָ-גען, האָט זי פאַרשטאַנען, אַז די זאַך האָט צו טון מיט׳ן אַראַבער, און זי האָט געהייסען איהם בינדען און איינזעצען אין תפיסה.

דער אַראַבער האָט זיך מודה געווען אין זיין פאַר-ברעכען, און האָט אָנגעוויזען דאָס אָרט וואו ער האָט באַ-גראָבען דעם נביא. האָט מען אויסגעהאַקט דעם בוים און פון איהם געמאַכט אַ תליה און אויף איהר אויפגעהאנגען דעם רוצח.

און דעם נביא׳ס ביינער האָט מען געבראַכט צו קבורת ישראל.

אָבער די בת מלכה האָט זיך ניט געוואָלט טריים-טען און געטרויערט נאָך איהם איהר גאַנץ לעבען, און האָט קיינמאָל ניט חתונה געהאַט.

די אינגלעך האָבען אַ ווייל־ע געשוויגען און געטראַכט וועגען דער מעשה, וואָס זיי האָבען געהערט. עס האָט זיי באַנג געטון, וואָס די מעשה האָט זיך אַזוי גיך געענדיגט, וואָס דער אַראַבער איז ניט באַשטראָפט געוואָרען מיט אַ שווערערער שטראָף ווי הענגען, און וואָס דער נביא איז ניט

צוריק לעבעדיג געוואָרען, וואָרים דאַן וואָלט זיך די מעשה נאָך געקענט ציהען און ציהען. אָבער מעהר פון אַלץ האָט זיי באַנג געטון וואָס די בת מלכה איז געבליבען אַן אלמנה און די טויב אַ רויטע.

זיי האָבען אַלע צוזאַמען אָפּגעזיפצט, זיך באַרוהיגט און געווענדעט מיט זייערע אויגען צום דריטען אינגעל, ער זאָל דערצעהלען זיין מעשה.

דער אינגעל האָט פאַרקנייטשט דעם שטערן, דורכ־געלאָפען אין געדאַנקען אַלע מעשיות וואָס ער האָט געקענט, אָבער ער האָט ניט געפונען אפילו איינע וואָס זאָל האָבען צו טון מיט חמשה עשר. ער ווייסט מעשות פון צוויי ברי־דער וואָס איינער איז געווען אַן אָרעמאַן און דער צווייטער אַן עושר, פון א קנעכט און א מלך, און אויך פון א פרינצע־סין וואָס האָט זיך דורך כשוף אויפגעבויט אַ פּאַלאַץ אין דער לופטען. ער ווייס אויך מעשות פון גהינום און גן עדן, אָבער אין די אַלע מעשות איז נישטאָ קיין בוימער און אפילו ניט קיין בלום אָדער אַ פויגעל. ער ווייסט די מעשה פון דער ראָב און דער טויב וואָס נח האָט זיי אַרויסגעשיקט פון תבה, אָבער דאָס איז דאָך ניט קיין מעשה, דאָס איז „חומש". איז דער אינגעל געזעסען און געטראַכט און אַלע אינגלעך זענען געשטאַנען און שטיל געוואַרט אויף זיין מעשה. דערווייל רופט זיך אָן שמואל מלמד פון צווישען דעם וואָלקען רויך, וואָס איז אַרויסגעקומען פון זיין ליול־קע.

— קינדער! וועט איהר מיך צונעמען פאַר אַ שותף צום חמשה עשר אויבם? איך האָב אויך ניט קיין גראָ־שען צו קויפען פירות, וויל איך יוצא זיין מיט אַ מעשה, אַזוי ווי איהר. ווילט איהר אייער רבין פאַר אַ שותף?

— מיר ווילן, מיר ווילן! — האבן אלע איינשטי־מיג געענטפערט.

דער רבי איז אויפגעשטאנען פון זיין ארט, און די קינדער האבן זיך ארום איהם ארומגעזעצט אין א האלבען ראד און האבן כמעט זייער אטעם איינגעהאלטען, זיי זא־לען ניט שטערן זייער רבין דערצעהלען זיין מעשה.

און דער רבי דערצעהלט:

— דער אלטער שלמה האט אין זיין קאסטען געהאט באהאלטען א טייערן אוצר, א זעקעלע ארץ ישראל ערד, וואס זיין טאטע האט איהם געשיקט פון טבריה.

און זיין קליינער זוהן, אביגדור, האט אויך געהאט א טייערן אוצר. דאס איז געווען א ביינדעל פון א טייטעל, וואס איז איהם געבליבען פון חמשה עשר אויבם. אלע קינדער האבן געגעסען זייערע פירות, און די ביינדלעך האבן זיי אוועקגעווארפען, און ער האט געהאט ניט מעהר ווי איין טייטעל און זיין הארץ האט איהם ניט דערלאזען אוועקווארפען דאס ביינדעל.

דער בוים וואס האט ארויסגעגעבען דעם טייטעל, איז דאך ארויסגעקומען פון אזא ביינדעל, און יעניקר ביינדעל איז דאך געוואקסען אויף א בוים, וואס איז אויך ארויסגע־קומען פון אזא ביינדעל.

און אז א באקסער־בוים, וואס זיינע פירות זענען נישט אזוי זיס, געדויערט זיבען יאהר ביז עס וואקסען אויף איהם פירות, היינט א טייטעל־בוים, וואס זיינע פירות זענען זיס געדויערט זיכער זיבען יאהר!

און אויב ער הויבט אן ארויסגעבען פרוכט ערשט צו זיבען יאהר, לעבט ער דאך געוויס אפשר טויזענט יאהר.

דאס מיינט, אז מיין ביינדעל איז אן איניקעל פון א

בוים, וואָס איז מיט צוויי טויזענט יאָהר צוריק געוועזן ער־געץ אַרום ירושלים.

פון דעם דאָזיגען בוים — דער זיידע פון מיין ביינדעל — פלעג מען ברענגען בכורים קיין ירושלים. פון דעם בוים האָט מען גענומען לולבים פאַר דער פּראָצעסיע אַרום מזבח! דער בוים האָט געקענט ירמיה'ן, ישעיה'ן, שלמה'ן און שולמית'ן, און אפשר איז עס געוועזן דער טייטעל־בוים פון דבורה הנביא!

די געדאַנקען האָבען זיין האַרץ אָנגעפילט מיט הייליגע געפיהלען צו זיין ביינדעל. עס האָט זיך איהם גע־דאכט, אַז די אבות, די נביאים און מלכים, דער גאַנצען דור פון תנ"ך האָט עס איהם געשיקט א מתנה, איהם דעם קליינעם אביגדור.

האָט דער אינגעל געהיט דאָס ביינדעל ווי דאָס שוואַרצאַפּעל פון זיין אויג. און איינמאָל איז איהם איינגע־פאַלען אַ געדאַנק.

— איך וועל נעמען אַביסעל ארץ ישראל ערד פון מיין טאַטען'ס זעקעלע און וועל עס אריינטון אין אַ בלו־מענטאָפּ און דאָרט פאַרפלאַנצען מיין ביינדעל. אין אַן אַנדערער ערד וועלען קיין ארץ ישראל'דיגע פרוכטען נישט וואַקסען, וועלען מיר זעהן וואָס וועט אַרויסקומען פון דעם ביינדעל, ווען עס וועט זיין באַגראָבען אין ארץ ישראל ערד!

דער אינגעל האָט געוואוסט, אַז אפילו ווען עס וועט פון ביינדעל אַרויסשפּראָצען אַ בוימעל, וועט ער ניט זוכה זיין צו עסען זיינע פירות, ווייל ווער ווייס ווי לאַנג עס וועט געדויערן ביז ס'וועלען אויף איהם אָנהויבען וואַקסען פירות. אָבער ער איז ניט אויסען געוועזן די פירות. פירות קען ער קויפען אין קראָם. ער האָט פון זיין ביינדעל געוואָלט זעהן

אַ בוים, וואָס וועט זיין אַן אייניקעל פון יענעם בוים פון וועל־
כען מען פלעג ברענגען בכורים.

און ווי ער האָט געטראַכט אַזוי האָט ער געטון. ער
האָט גענומען אַ בלומענטאָפּ אין וועלכען זיין שוועסטער
האָט געהאַלטען קינסטלעכע בלומען.

— וואָס מיינט קינסטליכע בלומען? — האָט איין
אינגעל געפרעגט.

— קינסטלעכע בלומען זענען בלומען, וואָס וואַקסען
ניט אַליין, נאָר מענשען מאַכען זיי. מען נעמט דראָטען
און מען וויקעלט זיי אַרום מיט פּאָדעם און זייד, וואָס זעהט
אויס ווי בלומען, אָבער צו אמת׳ע בלומען קומען זיי ניט,
ווייל זיי האָבען אין זיך ניט קיין לעבען. דאָס זענען קינסט־
לעכע בלומען.

האָט דער אינגעל אַרויסגעריסען די קינסטלעכע בלומען
און האָט אויסגעשאָטען די ערד פון בלומענטאָפּ, און האָט
איהם אָנגעפילט מיט דער הייליגער ערד און איינגעזעצט
דאָס ביינדעל, און אַלע טאָג האָט ער געהאָפט צו דערזעהן
אַ בלעטעל אַרויסשפּראָצען פון ביינדעל. אָבער ס׳איז קיין
בלעטעל ניט אויפגעגאַנגען.

דער אינגעל האָט ניט געשפּאָרט קיין אַרבייט, ער
האָט דעם בלומענטאָפּ געשטעלט אויף דער זון און צוויי מאָל
אַ טאָג באַגאָסען מיט וואַסער, אָבער אומזיסט! די הייליגע
ערד גיט ניט אַרויס איהר קראַפט אין דער פרעמד.

עס איז אַריבער אַ לאַנגע צייט און ס׳איז אָנגעקומען
חמשה עשר בשבט. דער אינגעל איז יענעם טאָג געווען
קראַנק און איז ניט געגאַנגען אין חדר אריין. האָט ער
זיך אָװעקגעזעצט לעבען זיין בלומענטאָפּ עסען זיין חמשה
עשר אויבס.

ווען ער האָט געענדיגט עסען זיינע פּירות און גע־

מאכט די ברכה על הארץ ועל פּי הארץ. האָט ער אַ קוק געטון אויף זיין בלומענטאָפּ און דערזעהן ווי עס שפּראָצט אוים און געהט אויף אַ גרינער בלעטעל.

צו זיין פריידי איז גאָר קיין סוף ניט געווען. דער טאָג איז ביי איהם געווען אַ גרויסער יום טוב. זיין פרייד איז געווען אַנדערש ווי די פרייד פון אַנדערע אינגלעך, וואָס פרעהען זיך דעם טאָג מיט די פּירות וואָס זיי עסען איצט, און אויך ניט ווי די פרייד פון די גרויסע, וואָס דער טאָג איז ביי זיי אַן אָנדענק פון אַמאָליגע צייטען, פון די צייטען ווען די ארץ ישראל׳דיגע פּירות זענען געווען אונזערע — אביגדור׳ס פרייד איז געווען אַ פרייד מיט דער צוקונפט! איהר פאַרשטעהט, קינדער? ער האָט געהאָפט אַז אין דער צוקונפט וועט דער בוים אויסוואַקסען, און מיט יאָהרען שפּעטער וועט ער אַרויסגעבען פרוכט.

אָבער זיין פרייד האָט ניט לאַנג געדויערט, וואָרים נאָך עטליכע חדשים האָט ער געזעהן אַז דאָס בלעטעל ווערט ניט גרעסער און עפּעס ווי עס וואָלט אָנגעהויבען וועלקען.

עס איז איהם שווער געווען צו קוקען אויף דעם אומגליקלעכען שטענגעלע. עס האָט זיך איהם געדאַכט, אַז דאָס צאַרטע בלעטעלע טרויערט, און ווי עס וואָלט זאָגען: צו וואָס האָסטו מיך אויפגערודערט און אַרויסגעצויגען פון מיין וועלט, פון דעם בויך פון ביינדעל? ערד האָסטו מיר געגעבען, אָבער זון און הימעל, מ י י ן ז ו ן, מ י י ן ה י מ ע ל — וואו זענען זיי?

און דאָס בלעטעלע איז ווירקליך געווען אומעטיג, און וואָלט עס געקענט רעדען, וואָלט עס געווען געשריען: גיב מיר אמת׳ע זונען שטראַלען! דיינע זונען־שטראַלען זענען קרומע, קאַלטע, קינסטלעכע. זיי קומען אָהער באַהאַלטען ווי פאַר׳גנב׳עט!

דער אינגעל האָט רחמנות געהאַט אויף דעם אומגליק־לעכען בלעטעל און זיינע צרות האָבען איהם שטאַרק גע־קרענקט. ניט איינמאָל האָט ער געוואָלט צעברעכען דעם בלומענטאָפּ און ראַטעווען דאָס אומגליקלעכע געוויקס פון אַן אייביגער מאַטערניש, נאָר זיין האַרץ האָט איהם ניט דערלאָזען טון אַזאַ זאַך. „כ'וועל וואַרטען, כ'וועל האָפען — האָט ער זיך געטרייסט — דערווייל איז עס דאָך נאָך ניט פאַרוועלקט געוואָרען, אפשר וועט עס נאָך בלייבען לע־בען!"

טעג, וואָכען און חדשים זענען אַוועק, און די שפּראָ־צונג איז ניט געוואַקסען פון דער וואַרעמקייט פון פרילינג און ניט געוועלקט פון דער קעלט פון ווינטער. זי איז גע־שטאַנען אויף איין אָרט. דערווייל איז אָנגעקומען חנוכה. דער אַלטער שלמה איז געקומען פון שול און אַוועקגע־שטעלט דאָס חנוכה לעמפּעל אויפ'ן פענסטער אויף וועל־כען עס איז געשטאַנען דער בלומענטאָפּ. ער האָט גע־מאַכט די ברכות און אָנגעצונדען דאָס ערשטע ליכט פון די מכבים. ווען פון דעם ליכט איז אַרויס אַ פלאַם, איז דעם בלעטעלע וואַרעם געוואָרען און מיט פרייד האָט דער אינ־געל דערזעהן, אַז דאָס ביימעלע וואַקסט און ווערט גרע־סער.

די צווייטע נאַכט איז עס אַביסעלע גרעסער געוואָרען. די דריטע נאַכט האָט זיך עס אויסגעגלייכט. די פערטע נאַכט האָבען אַרויסגעשפּראָצט צוויי שענע, צאַרטע, פרישע און צוזאַמענגעוואַקסענע בלעטעלעך. די פינפטע נאַכט האָט זיך דער צווילינג צעשיידט און געמאַכט פלאַץ פאַר אַ נייע פּאָרעל בלעטער. די זעקסטע נאַכט האָט זיך געוויזען אַ קליין צווייגעלע. די זיבעטע נאַכט איז עס גרעסער געוואָ־רען און די אַכטע נאַכט איז עס שוין געווען אַ קליין, גלייך

בוימעל, וואָס איז גרייט זיך אויפצוהויבען ביז צום הימעל.

דעם אינגעל האָט שטאַרק פאַרדראָסען, וואָס די מאַקאַבעער האָבען ניט באַשטימט מעהר ווי אַכט טעג חנוכה, נאָר ער האָט זיך געטרייסט מיט דער האָפענונג אויף איבעראַיאָהר חנוכה. ער האָט איינגעזעהן, אַז ניט קיין זון און ניט קיין וואַסער וועלען געבען דעם בוים לעבען. דער בוים דאַרף חנוכה ליכט און דער אינגעל האָט געוואַרט.

שמואל מלמד האָט אויפגעהערט דערצעהלען און האָט אָפגעווישט פון זיינע אויגען אַ פּאָר פייכטע, קיילעכדיגע טראָפּענס, אַזוי ווי טרערען.

— דאָס איז פונ׳ם רויך — האָט ער דערקלערט זיינע תלמידים די באַדייטונג פון די טראָפּענס — דער רויך פון מיין ליולקע מאַכט מיר אַ תל פון די אויגען.

— דעם סוף פון בוימעל — האָט דער רבי צוגעגעבען

— ווייס איך ניט. עס זענען פאַראַן וועגען דעם אַלערליי מיינונגען, אָבער אַלע זאָגען, אַז דער דאָזיגער בוים געפינט זיך נאָך היינט ערגעץ אין אַ אידישען הויז. ער געהט איבער בירושה פון איין דור צום אַנדערן, און פון חנוכה צו חנוכה ווערט ער אַלץ גרעסער. אויף דעם בוים וועלען זיכער אַמאָל וואַקסען פירות. אָבער דאַן וועט פאַר איהם ניט גענוג זיין דער בלומענטאָפּ.

— וואָס זשע וועט מען מיט איהם דאַן טון ? — האָבען די תלמידים געפרעגט.

— דאַן ? וואָס זאָל מען טון ? מיר וועלען זיך אומקערען קיין ארץ ישראל און מיר וועלען איהם איינפלאַנצען לעבען זיין זיידען !

די אינגלעך האָבען אָפּגעאָטעמט און זענען געווען פרעהלעך, גלייך ווי יעדער פון זיי וואָלט אויפגעגעסען אַ הויפען באַקסערן.

חמשה עשר-טייטלען.

אז יוסף, וואס האָט געוועלטיגט אין מצרים, איז גע־שטארבען, האָבען די מצריים שנעל פארגעסען, וואס ער האָט פאר זיי געטון. עס איז אויפגעשטאנען א נייער קע־ניג און האָט פאַרשקלאַפט אַלע אידען מיט זייערע ווייבער און קינדער, און זיי געמאַכט פאר אייביגע קנעכט. בלויז די מענשען פון שבט לוי זענען געבליבען פריי, ווארים זיי זענען געוועזען קלוג און געלערענט און ווער ס'איז קלוג און געלערענט קען ניט פארקויפען זיין פרייהייט און זיין ווילען. אַזאַ וועט בעסער אויסקלייבען א פרייען טויט איידער א שקלאפיש לעבען.

און פרעה, דער קעניג פון מצרים אליין, האָט זיי אויך פריי געלאָזען, ווייל מיט זייער חכמה האָבען זיי איהם גע־בראכט מעהר נוצען ווי זיי וואָלטען איהם געבראכט אר־בייטענדיג ביי ליים און ציגעל.

זענען די אידען געוואָרען שקלאַפען. זיי האָבען גע־קנאָטען ליים, געמאַכט ציגעל און געטון אַלערליי שווערע אַרבייטען פון גאַנץ פריה ביז האַלבע נאַכט. זיי האָבען זייער אַרבייט אָפגעשטעלט בלויז אויף אָפּצועסען עפּעס און שלאָפען אַביסעל, ווי פערד און עזלען. וואָרים אַ פערד און אן עזעל גיט מען דאָך אויך עפּעס עסען און אביסעל רוה, זיי זאָלען ניט שטארבען פון הונגער און מידקייט.

האָבען די אידען באקומען אַן אָפּרוה ווי א פערד און עסען ווי אן עזעל, כדי זיי זאָלען ניט אויסגעהן פון הונגער

און ניט פאלען פון מידקיים ביי זייער שווערער ארבייט, ווארים וואס וואלטען דאן די מצריים געטון אהן שקלא־פען ? און די אידען האבען זיך געפרוכפערט און געמעהרט און זענען געווארען זעהר שטארק. און יעדע אידישע פרוי פלעג האבען זעקס קינדער א יאהר, זעקס קינדער — זעקס שקלאפען. האבען זיך די שקלאפען געהאלטען אין איין מעהרען.

און ביסלעכווייז האבען זיך די אידען צוגעוואוינט צו דער קנעכטשאפט און האבען אנגעהויבען ליב האבען זייערע פייניגער און דרך ארץ האבען פאר דער רוט וואס האט זיי געשמיסען.

ביסלעכווייז, ביסלעכווייז האבען זיי זיך צוגעוואוינט צו די ציבעלעס און קנאבעל מיט וועלכע מען האט זיי גע־האדעוועט אין דער וואכען, און צום טאפ פלייש, וואס מען פלעג זיי געבען אין די מצרישע יום טובים.

טאג פאר טאג זענען די אידישע קנעכט אויפגעשטא־נען צו זייער ארבייט, האבען געגעסען זייער מאלצייט און נאכדעם געבענשט: „געבענשט זאלען זיין אונזערע הא־רען און געבענשט זאל זיין די שקלאפעריי! ווארים ווען ניט אונזערע הארען, ווער וואלט אונז געגעבען ציבעלעס און קנאבעל צו דער זעט ?"

אויך זייערע זיהן און טעכטער האבען זיי געלערענט צו בענשען זייערע פייניגער און ליב האבען די קנעכט־שאפט.

און די מענשען פון שבט לוי זענען געווען די אידישע לערער. זענען זיי אויפגעשטאנען גאנץ פריה און ארום־געגאנגען צווישען זייערע ברידער און זיי געלערענט ליב צו האבען פרייהייט און פיינט האבען שקלאפעריי. און זיי האבען זיי דערצעהלט, אז גאט האט צוגעזאגט זייערע על־

טערן אַרויסצונעמען זיי פון מצרים און זיי ברענגען אין אַ לאַנד פון מילך און האָניג.

אז די קנעכט האָבען געהערט די ווערטער האָבען זיי געזאָגט: „וואָס ווילט איהר, איהר מענשען פון שבט לוי? איהר ווילט אונז פאַרטרייבען פון אונזער ליבער ארבייט און צונעמען פאַר זיך אונזערע גוטע ציבעלעס און קנאָבעל, און מיר זאָלען שטאַרבען פון הונגער?!"

און זיי זענען באַפאַלען די לערער און האָבען פיעלע פון זיי אויסגע׳הרג׳עט און די איבריגע האָבען זיי פאַרטריבען פון זיך. אז איינער פון די לערער, וואָס האָט געהייסען אפרים, האָט דאָס געזעהן האָט ער ביטער געוויינט. דאַן האָט ער צו זיך געזאָגט: אונזער רעדען צו די מענשען איז אַרויסגעוואָרפען! זיי זענען געבאָרען געוואָרען אין קנעכטשאַפט, האָבען געזויגען די בריסט פון דינסטען און זענען ערצויגען געוואָרען אויף דער שוים פון עלטערן־שקלאַפען, וואָס האָבען אין זיי איינגעפלאַנצט אַ ליבע צו שקלאַפעריי. מיר דאַרפען זיך מיאש זיין פון די גרויסע און זיך נעמען צו די קליינע קינדער. אפשר וועלען מיר פון זיי קענען ערציהען אַ דור פון פרייע מענשען!"

און איינמאָל איז אפרים געשטאַנען ביים טייך, גע־קוקט אויף איהם און גערעדט צו זיך אַליין: „ווי פיעל הונ־דערטע אידישע קינדער האָט שוין דער טייך איינגעשלונגען! וויפיעל פון זיי האָבען די פיש פון דעם טייך אויפ־געגעסען!"

דאָס הארץ האָט איהם פאַרקלעמט און ער האָט זיך אָפּגעקערט פון טייך.

ער האָט זיך ארומגעקוקט און דערזעהן ווי קליינע קינ־דער, וואָס האָבען נאָך ניט געטויגט צו דער אַרבייט, שטו־פּען און שפּילען זיך אין זאַמד ביים ברעג טייך.

— נאָך אַ יאָהר, נאָך אַ יאָהר — האָט אפרים ביי זיך געטראַכט — די קינדער וועלען אונטערוואַקסען און די מצריים וועלען האָבען נאָך אַ טויזענט קנעכט. ער האָט זיך צעוויינט און אָפּגעקערט דעם קאָפּ פון די קינדער און זיך אומגעקערט צום טייך.

גראַד דאַן איז דעם קעניגס זוהן צוגעקומען מיט זיינע קנעכט, זיך באָדען אין טייך. דער אינגעל איז אַריין טיף אין וואַסער, און די כוואַליעס האָבען איהם אָנגעהויבען טראָגען ווייטער און ווייטער, דער אינגעל האָט זיך ניט געקענט האַלטען געגען שטראָם און האָט זיך אָנגעהויבען טרינקען.

די הויפלייט און דיענער, וואָס זענען געשטאַנען ביים טייך האָבען געשריען: העלפט! ראַטעוועט! אָבער קיינער פון זיי האָט ניט איינגעשטעלט זיין לעבען אריינצושפּרינגען אין טייך און ראַטעווען דעם טרינקענדיגען אינגעל.

אפרים האָט דאָס דערזעהן און האָט פאַרגעסען אַל דאָס בייז וואָס דעם אינגעלס פאָטער טוט זיין פאָלק און ווי ער פּייניגט זיי. ער איז אַריינגעשפּרונגען אין טייך און איהם אַרויסגעשלעפּט פון די כוואַליעס.

ווען דער קעניג האָט דאָס געהערט האָט ער געשיקט רופען אפרים׳ן און צו איהם געזאָגט: „גוטער מענש, זאָג וואָס פאַר אַ באַלוינונג דו ווילסט. וואָס דיין האַרץ גלוסט נאָר וועל איך דיר געבען פאַר דעם גרויסען חסד, וואָס דו האָסט געטון מיט מיין זוהן!"

און דער קעניג האָט ביי זיך געטראַכט, אַז אפרים וועט געוויס בעטען אַ גרויסען פּאַלאַץ מיט פעלדער און גאָרטענס און דיענער און דיענסטען. און אין געדאַנק האָט ער שוין אויסגעקליבען אַ שענעם פּאַלאַץ מיט אַ פיינעם גאָרטען איהם צו געבען.

אָבער אפרים האָט אַ ווײלע געטראַכט און דאַן גע־
ענטפערט: „אויב דער קעניג וויל טון מיין פאַרלאַנג, זאָל
ער פריי לאָזען די אידישע פרויען און זייערע זיהן און טעכ־
טער ביז זיי וועלען אַלט ווערען פופצעהן יאָהר.

האָט דער קעניג געלאַכט און געטראַכט ביי זיך אין
הארצען: „די קנעכט האָבען טאַקע קיין שכל ניט! איך
וויל איהם רייך מאַכען, פאַרשאַפען איהם כבוד און גרויס
מאַכען איהם און ער בעט פרייהייט פאַר ווייבער און קינ־
דער!"

און דער קעניג האָט אַרויסגעגעבען אַ באַפעהל, און
אַלע אידישע קינדער זענען געוואָרען פריי, ביז זיי וועלען
אַלט זיין פופצעהן יאָהר.

אָבער ווען זיי זענען אַלט געוואָרען פופצעהן יאָהר
און האָבען זיך אומגעקערט צום מאַכען ציגעל, האָבען זיי
זיך ניט אומגעקערט ווי שקלאַפען. אפרים האָט זיי שוין
אויסגעלערענט ליב צו האָבען פרייהייט און פיינט האָבען
שקלאַפעריי, און האָט איינגעפלאַנצט אין זייערע הערצער
אַ האָפענונג, אז ס'וועט קומען א צייט און די אידען וועלען
פריי ווערען פון דער שקלאַפעריי פון מצרים.

אַט די קינדער פלעגען קנעטען ליים און מאַכען צי־
געל און טון אַלערליי שווערע אַרבייט, אָבער אין הארצען
זענען זיי געווען פרייע מענשען. און ווען זייער אַרבייט
האָט זיך געענדיגט האָבען זיי געקוקט אויף זייערע פייני־
גער מיט שפּאָט, ווי עס קוקט אַ האר אויף זיין קנעכט.

אַ יאָהר נאָך אַ יאָהר איז אַריבער און אפרים האָט
געלערענט זיינע יונגע תלמידים חכמה, און איינגעפלאַנצט
אין זייערע הערצער אַ ליבע צו זייער פאָלק און א בענקע־
ניש נאָך פרייהייט.

און אזוי האָט זיך אפרים ערצויגען אַ יונגען דור, וואס

איז געוועזן פול מיט מוט און קראַפט, א דור וואס האָט ליב געהאַט פרייהייט.

האָט מען די מוטיגע יונגע לייט גערופען „בני אפרים" אויפ'ן נאָמען פון זייער לערער. אז די מצריים האָבען געזעהן אַ מוטיגען יונגען איד, וואָס איז געגאַנגען גלייך און שטאָלץ האָבען זיי געזאָגט איינער צום אַנדערן: דאָ סאיז אַ „בן אפרים!" דאָס האָט געמיינט: „ער איז פון אפרים'ס תלמידים!"

אַז די צאָהל פון אפרים'ס תלמידים איז געוואָרען זעהר גרויס, האָבען זיי זיך איינמאָל צוזאַמענגענומען און געזאָגט: „קומט, ברידער! לאָמיר פאַרלאָזען דאָס לאַנד פון שקלאַפעריי און לאָמיר געהן אין דעם לאַנד אַריין, וואָס גאָט האָט עס צוגעזאָגט אונזערע עלטערן! צו וואָס זאָלען מיר דאָ אַרבייטען ביי ליים און ציגעל ווי אייביגע קנעכט?!"

אַז אפרים האָט געהערט זייערע רייד איז ער זעהר טרויעריג געוואָרען און האָט צו זיי אַזוי געזאָגט: „ניין, מיינע קינדער! פאַרלאָזט ניט אייער פאָלק אין דער נויט, ווייל איהר וועט ניט באַגליקען. וואַרט ביז גאָט וועט זיך דערבאַרעמען אויף זיין פאָלק און וועט שיקען זיין מלאך, וואָס וועט אויסלייזען דאָס גאַנצע פאָלק פון שקלאַפעריי!"

אָבער זיי האָבען געזאָגט: „אפילו גאָט וועט זיך אויף אונז ניט דערבאַרעמען ביז ער וועט ניט זעהן, אַז מיר זענען מעהר ניט קיין קנעכט, אַז אונז איז ליבער צו שטאַרבען אין פרייהייט איידער לעבען אין קנעכטשאַפט!"

זענען די „בני אפרים" אַרויס פון מצרים מיט שטאָלץ, און קיינער האָט זיך זיי ניט אַנטקעגען געשטעלט, ווייל די מצריים האָבען פאַר זיי מורא געהאַט.

און אפרים האָט זיינע תלמידים זעהר ליב געהאַט,

און עס האָט איהם באַנג געטון צו לאָזען זיי אַליין, האָט ער געזאָגט: „איך וועל אויך מיטגעהן מיט זיי, און אויב גאָט וועט אויף זיי צאָרענען און זיי טויטען, וועל איך שטאַרבען מיט זיי צוזאַמען!"

איז אפרים אוועק מיט זיינע תלמידים אין דער מדבר.

איז עמלק אַרויסגעגאַנגען מלחמה האַלטען מיט זיי. אָבער די „בני אפרים" האָבען אַרויסגעוויזען זייער גרויסע גבורה, און האָבען עמלקען אין גאַנצען צעשלאָגען. זיי האָבען אָבער ניט גענומען געפאַנגען קיין איינציגען מענשען. וואָרים זיי האָבען געזאָגט: „ווי קענען מיר צונעמען ביי אַ מענשען זיין פרייהייט? וואָס איז דען דער מענש אָהן פרייהייט? דער טויט איז איהם דאָך ליבער ווי דאָס לעבען!"

און די בני אפרים האָבען אין אַלע זייערע מלחמות אַרויסגעוויזען אַ וואונדערבאַרע גבורה, האָבען זיך אַלע פעלקער פון דער מדבר פאַר זיי דערשראָקען. אָבער גאָט האָט זיי ניט געוואָלט ברענגען אין דעם לאַנד פון מילך און האָניג, דאָן ווען זייערע ברידער ווערען געפּלאָגט און עסען ציבעלע מיט קנאָבעל אין מצרים. האָט ער זיי צעטומעלט און זיי האָבען פאַרבלאָנדזשעט אין דער מדבר.

דאָן האָבען זיי זיך געוואָלט אומקערען קיין מצרים און וואַרטען ביז גאָט וועט אויסלייזען דאָס גאַנצע פאָלק, אָבער אפרים האָט זיי ניט געלאָזט טון אַזאַ זאַך, ווייל ער האָט מורא געהאַט אַז דאָס וועט אָפּשוואַכען די אידען און צונעמען ביי זיי די האָפענונג צו ווערען אויסגעלייזט.

האָבען די תלמידים געפאָלגט זייער לערער און זיך אונטערגעגעבען גאָט'ס ווילען, און זיי האָבען אַרומגעוואַנדערט אין דער מדבר ביז זיי זענען געקומען צו דעם אָרט אילם.

און אפרים האָט זעהר געבענקט נאָך די גוטע, פריי־היט ליבענדיגע קינדער, וואָס ער האָט איבערגעלאָזען אין מצרים, ווייל ער האָט זיי זעהר ליב געהאַט. איז ער קראַנק געוואָרען פון בענקעניש און איז געשטאָרבען אין אילם.

אין אַ יאָהר אַרום זענען אויף זיין קבר אויפגעגאַנגען פון זיינע אויגען צוויי איילבירט בוימער, פון וועלכע די אידען אין דער מדבר האָבען גענומען בוימעל פאַר דער מנורה אין משכן, און פון זיין האַרץ אין וועלכען ער האָט געטראָגען גוטע געפיהלען צו די קינדער, און פון זיין מויל, מיט וועלכען ער האָט אַלע מאָל גערעדט גוטע רייד, צו די קינדער, זיי געטרייסט און פרעהליך געמאַכט, זענען אַרוים־געוואַקסען זיבען טייטעל־בוימער.

און ווען די אידען זענען אַרויסגעגאַנגען פון מצרים און האָבען געוואַנדערט אין דער מדבר, זענען זיי געקומען קיין אילם. זענען די אידען דאָרט הונגעריג געוואָרען און האָבען ניט געהאַט וואָס צו עסען. זענען זיי אַרויסגעגאַנ־גען זוכען פרוכט־בוימער און האָבען ניט געפונען. זענען די קינדער אַוועק זוכען שפייז פאַר זיך און האָבען באַלד געפונען די זיבען טייטעל־בוימער, און זיי זענען שנעל גע־לאָפען אָנזאָגען די בשורה אין דער מחנה.

האָבען די אידען זיך געשפייזט מיט די טייטלען פון די בוימער, נאָכדעם האָבען זיי די בוימער אויסגעגראָבען און גענומען מיט זיך. און ווען זיי זענען געקומען קיין ארץ ישראל האָבען זיי דאָרט די בוימער איינגעפלאַנצט און ביז היינטיגען טאָג וואַקסען אויף זיי טייטלען.

אָט די טייטלען עסען די אידישע קינדער אין גלות יעדען יאָהר חמשה עשר בשבט. און די טייטלען זענען זיסער פון אַלע טייטלען אין דער וועלט, און פאַר קינדער זענען זיי נאָך זיסער ווי פאַר גרויסע מענשען.

און חמשה עשר זענען די טייטלען נאָך זיסער ווי אלע טעג פון א גאנץ יאָהר. א סך קינדער האָבען שוין גע־פּרואווט עסען טייטלען אויף מאָרגען נאָך חמשה עשר און האָבען אין זיי ניט געפּיהלט דעם טעם און די זיסקייט וואס נעכטען.

אַט אַזוי איז געשטאָרבען דער לערער אפרים, וואָס האָט ליב געהאַט קינדער ביים לעבען און נאָכ'ן טויט. די קינדער פון מצרים האָבען געוואוסט פון זיין גרויסער ליבע און זיינע גוטע רייד, אָבער זיי האָבען ניט געגעסען זיינע טייטלען.

און די קינדער פון גלות עסען זיינע טייטלען, אָבער זיי ווייסען ניט ווער ס'איז געווען אפרים, און וואָס ער איז געווען פאר די קינדער.